# פרשת בלק י"א - י"ז תמוז תשפ"ב לפ"ק

*יום ראשון פרשת בלק*

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לשכונת גאלדע"ן היל"ס, וקבע מזוזה בבית המדרש החדש במקום. אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ונשא מדברותיו.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז בלעם איז געקומען שעלטן יודען, און דער באשעפער האט מהפך געווען אלע קללות פון בלעם אויף א ברכה. פונדעסטוועגן שטייט אין די גמרא (סנהדרין קה:) אז שפעטער זענען די אלע ברכות צוריק נתהפך געווארן אזוי ווי ער האט געוואלט מעיקרא. איין זאך וואס ער האט געזאגט, איז געבליבן לדורות. מה טובו אהליך יעקב, משכנותיך ישראל (במדבר כד-ה), ווי גוט זענען די געצעלטן פון יעקב, און די וואוינונגען פון יודען. עס גייט ארויף אויף די בתי כנסיות און בתי מדרשות, דאס איז מה טובו אהליך יעקב.

**בלעם** האט פארשטאנען די שיינקייט פון א בית המדרש ביי יודען. ער האט פארשטאנען די חשיבות דערפון, וואס דאס מיינט אז מען קומט זיך צוזאם אין א מקום קדוש, א פלאץ וואו מען דינט דעם אייבערשטען, לערנען, דאווענען, טון מצות און מעשים טובים. ער האט אויך געלויבט די שטובער פון יודען, ראה שאין פתחיהן מכוונין זה כנגד זה, א יוד לעבט איינגעצוימט מיט צניעות, ער קוקט נישט אריין וואס טוט זיך ביי יענעם אין שטוב, ער איז נישט אינטערעסירט וואס עס טוט זיך ביי א צווייטען, ער לעבט פאר זיך. ער האט געזעהן די אהליך יעקב, מיט די משכנותיך ישראל, דאס האט ער ארויסגעברענגט לטובה.

**מען** האט מיר נאכגעזאגט אז רבי מענדל [שטיינער] זאל זיין געזונט, האט דעם שבת געש'נדר'ט פאר דעם וואס רעדט נישט ביים דאווענען. א בית המדרש איז נישט געמאכט געווארן צו רעדן, א בית המדרש איז געמאכט געווארן צו לערנען און דאווענען. אויף א בית המדרש וואו מען רעדט, האט ער נישט געזאגט מה טובו אהליך יעקב, נישט דאס האט ער געמיינט.

מה טובו אהליך יעקב האט ער געמיינט א בית המדרש וואס איז מיוחד פאר לערנען, און דאווענען, און דינען דעם אייבערשטען.

**איך** האב אים געפרעגט, צו ער האט דא א שיינעם יוד, א רב וואס קוקט זיך אום, אז אלעס זאל זיין ווי עס דארף צו זיין. האט ער מיר געזאגט, אז עס איז נישט דא. קען זיין אז ער וועט ברענגען אי"ה, אבער ביז דעמאלטס, מען דארף וויסן, אז ביי יעדן ציבור, איבעראל, זענען דא פארשידענע מענטשען, יונגע מיט אלטע. רובא דרובא זענען וואוילע און פיינע און ערליכע, אבער אין יעדע קבוצה איז דא א שוואכערע עלימענט אויך. און די וואוילע, די שטייען אייביג אין די ווינקל, און די שוואכערע די מאכען די ווינט. און אז מען ווייסט עס פאר דעם, ווייסט מען זיך צו היטן. מען דארף אכט געבן אויף א פלאץ אז עס זאל קענען זיין ערליך, זיך פירן אזוי ווי ער פירט זיך אין די שטאט, דארף מען זיך פירן אין די קאנטרי. עס איז נישט קיין שום נפקא מינה, ווייל מען איז אין די קאנטרי, ווערט נישט גרינגער, אז מען קען טון זאכען וואס מען האט נישט געטון אינדערהיים, און וואס מען וואלט זיך געשעמט צו טון ווען עס וואלט יא געווען א רב אויפן פלאץ. מען דארף זיך אויפפירן מיט א איידלקייט, און מיט א ערליכקייט, עס זאל זיין א מוסטער ווי אזוי מען דארף זיך פירן אין א בית ה'. אז מען זאל זיך טאקע קענען בארימען מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל. קען זיין אז עס איז נישט געווען א מזוזה, איז נישט געווען ווער עס זאל היטן, אבער יעצט איז שוין דא א מזוזה אויך, מען האט שוין געשטעלט א שומר ביי די טיר וואס זאל אפהיטן. געדענקן שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, אז וואו מען איז, געפונט זיך דער אייבערשטער דארט.

**די** כוונה איז דאך גוט, מען זאל קענען אויפשטעלן א פלאץ אז די צוויי חדשים פון זומער זאל מען קענען דינען דעם אייבערשטען אויסער די שטאט. זאל דער אייבערשטער געבן אי"ה ווייטער אויך, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט נחת און הרחבת הדעת, און קענען ארויפברענגען דעם פלאץ, אז דער פלאץ זאל זיין לשם ולתפארת, סיי בין אדם לחבירו, און סיי בין אדם למקום. די אלע

פלעצער וועלן דאך ארויפגיין קיין ארץ ישראל, אזוי שטייט אין חז"ל (מגילה כט:), זאלן מיר זוכה זיין, דאס אויך קענען מיטנעמען קיין ירושלים עיר הקודש, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך עלה **רבינו שליט"א** לבית הרבני הנגיד רבי **מענדל שטיינער** הי"ו, שהשתתף בסכום עצום לבניית בנין הבית חינוך לבנות בוויליאמסבורג ההולך ונבנה לשם ולתפארת.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת ש"ב הרב **יודא באדאנסקי** שליט"א (חתן גיסו הגה"צ מגרויסווארדיין שליט"א), עב"ג בן הרב **אליהו כץ** שליט"א, שהתקיים באולם מאנטע מענאר. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. בדרך צאתו קבע **רבינו שליט"א** מזוזה בכניסה הראשית.

*

***יום שני פרשת בלק***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לשכונת איחוד התלמידים, והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **אהרן שעהר** הי"ו (חתן הר"ר **חיים הערש וועכטער** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **חיים יקותיאל לעבאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק אייזיק פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי' שרה.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו (מנכ"ל מוסדותינו הק' בוומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **שלמה ביערמאן** הי"ו, שהתקיים באולם ווילהאוויץ. אחר תפלת מנחה, רקד **רבינו שליט"א** עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת בלק***

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** להשתתף אצל שמחת הבר מצוה של נכדו הבחור בנש"ק **משה מרדכי יהודא** נ"י בן חדב"ן הרה"ג **רבי יואל ווייסמאנדל** שליט"א, בן **הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א**, שהתקיים במלון ראל"י. במשך הבר מצוה עברו אנשי שלומינו לאחל ברכת מזל טוב, לרגל השמחה הרוממה.

בסעודת הבר מצוה נשאו דברים אבי הבר מצוה **הרה"ג רבי יואל שליט"א**, הסב **הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א**, והבחור הבר מצוה עשה סיום על ששה סדרי משנה, ודרש בסוגיא דחציצה בתפלין (מגילה כד:). אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לרגל השמחה (נדפס בגליון 'דברי תורה').

*

***יום חמישי פרשת בלק***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לשכונת פארק סיי"ט, והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **חנני' אויערבאך** הי"ו (נכד הר"ר יעקב משה רובין הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות.

*

***ערב שבת פרשת בלק***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אשר כהנא** הי"ו, ושל בניו התאומים של הרב **מענדל פרענקל** שליט"א (ר"מ בישיבה קטנה).

*

***שבת קודש פרשת בלק***

כשעה וחצי אחר הבדלה ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע** (מתוך הספר מאיר עיני הגולה). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** ראה"כ בקהלתנו בב"פ.

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

**שלג.** אחר שהלך **החידושי הרי"ם** ממיטת חליו של בנו **הרה"צ ר' אברהם מרדכי**, התאמץ החולה וישב על מטתו ואמר, רבונו של עולם תן לי במתנה עוד שנות חיים ותזכני להוליד בן זכר ואקרא שמו יהודא, כי אקיים מה שנאמר (בראשית כט-לה) הפעם אודה את ה'.

**והוסיף רבינו:** עס איז דא א ווארט פונעם **מהר"ם שיק**, לאה האט געזאגט 'הפעם' אודה את ה', וואס איז דער 'הפעם' אודה את ה'. איך דאנק דעם אייבערשטען, ותקרא את שמו יהודה. זאגט דער מהר"ם שיק, אז לאה האט געזאגט, געוועגליך ווען

מען דאנקט דעם אייבערשטען, דער באשעפער טוט א טובה, געדענקט מען עס א קורצע צייט נאכדעם וואס ער האט געהאט די טובה פונעם אייבערשטען, דאנקט ער דעם באשעפער, אבער ווען עס גייט אדורך א שטיק צייט, פארגעסט מען אז מען האט באקומען, און מען פארגעסט אז מען דארף דאנקען. עס איז שוין אדורכגעגאנגען. זי האט געוואלט שטענדיג דאנקען דעם אייבערשטען, האט זי א נאמען געגעבן דאס קינד יהודה, וואס יהודה איז אויף אודה את ה', וועט אויסקומען אז ווען זי וועט רעדן פונעם קינד, זי וועט אים אנרופן, יהודה'לע קום אהער, וכדומה, וועט זי אלץ דאנקען דעם אייבערשטען. זי האט געוואלט דירעקט א נאמען געבן יהודה, ווייל מיט דעם וועט זיין די הודאה א שטענדיגע הודאה. ותאמר, האט זי געזאגט, הפעם אודה את ה'? איך גיי נאר לויבן דעם אייבערשטען איין מאל, יעצט ווען עס איז געבוירן? ניין!, ותקרא שמו יהודה, איך גיי אים א נאמען געבן יהודה, ווייל שטענדיג ווען איך וועל רעדן פונעם קינד, וועל איך איבערגעבן א הודאה פארן אייבערשטען. – האט ער אויך געזאגט אז ער גייט א נאמען געבן דאס קינד יהודה.

*

**שלד.** כשנולד **השפת אמת זי"ע** היתה שמחת **החידושי הרי"ם** גדולה עד למאוד, שזכה לראות בן מבנו יחידו החביב עליו, וצוה לקרות שמו יהודא לייבוש. וכן נקרא כל העת, עד אשר לקח לו רבינו זצ"ל לאשה את בת הרה"ח רבי **יהודא קאמינער** ע"ה מחענטשין, והיה קצת חשש אודות השם יהודא אשר יש לשניהם. וצוה אז רבינו זצ"ל לקרותו מאז והלאה בשם אריה לייב. וקראוהו מאז והלאה לעלות לתורה בשם אריה לבד. וכן שינה מאז את חתימת ידו מיהודא לייבוש, לאריה לייב.

**והוסיף רבינו:** מען לערנט אראפ דערפון צוויי זאכען. איינס, עס איז דא א **צוואת רבי יהודא החסיד**, אז א איידעם מיט א שווער זאלן נישט האבן די זעלבע נאמען. און די זעלבע איז, א שנור מיט א שוויגער זאלן אויך נישט האבן די זעלבע נעמען. די וועלט איז מקיל, טאמער עס איז דא צוויי נעמען, אז עס איז נישט ממש דומה איינס צום אנדערן. דא האט דער שווער געהייסען יהודא, און דער שפת אמת האט געהייסען יהודא לייבוש, און פון דעסטוועגן דאך האט דער חידושי הרי"ם געהייסען, אז מען זאל אים טוישן די נאמען פון יהודא אויף אריה לייב. ער האט נישט געלאזט דעם אלטן נאמען און עפעס צוגעגעבן דערצו, ווייל דאס האט ער שוין געהאט ביז יעצט אויך, יהודא 'לייבוש'. ער האט געטוישט פון יהודא אויף אריה.

**צווייטענס**, ווען מען האט אים אויפגערופן צו די תורה, האט מען אים נישט אויפגערופן נאר אריה אליין, ווייל לייב איז נאר א כינוי, א צו-נאמען צו אריה, דער נאמען אליין איז נישט געווען מער פון אריה. - דער **סאטמארער רב זי"ע** איז געווען א זון פונעם **קדושת יום טוב**, דער קדושת יום טוב האט געהייסען חנניא יום טוב ליפא, 'ליפא' איז נאר א צו-נאמען, חנניא יום טוב דאס איז דער עיקר נאמען. ווען מען האט אויפגערופען דעם סאטמארער רב לתורה, האט מען אים נאר אויפגערופן בן חנניא יום טוב, מען האט נישט אויפגערופן ליפא, ווייל ליפא איז נאר געווען א צו-נאמען. - דא זעהט אויך אזוי אויס, אז כאטש ער האט געהייסען אריה לייב, האט מען אויפגערופען צו תורה נאר מיט דעם נאמען אריה.

*

**שמה. הרבי רבי בונם מפרשיסחא** אמר **להחידושי הרי"ם** שעליו מוטל להשקיט התנגדות גאוני הדור על הצדיקים מתלמידי הבעל שם טוב, ועל ידי שיתראה עמהם ויווכחו לדעת שיש לומדים גדולים בין החסידים, בזה יבוטל חלק גדול מהתנגדותם. והחידושי הרי"ם קיים פקודת רבו, ועשה כמה פעמים נסיעות שונות במשך כמה שבועות, וסיבב פני הדבר שיתראה אז עם כמה גאוני הדור, וכן ביקר כל פעם בדרכו את גדולי הצדיקים והקדושים. כאשר בא החידושי הרי"ם לעיר בראדי הלך לקבל את פני **הרה"ג רבי אפרים זלמן מרגליות זצ"ל** וכו'.

**והוסיף רבינו:** פון רבי אפרים זלמן מרגליות איז דא **תשובות בית אפרים**, **מטה אפרים**, **שער אפרים**, דאס זענען די ספרים וואס ער האט מחבר געווען. רבי אפרים זלמן איז נישט געווען רב אין בראד, ער איז געווען א עושר, ער איז געזעסן און געלערנט, עס איז געווען ביי אים תורה וגדולה במקום אחד. איך מיין אז דעם גרעסטען טיטל וואס דער **חתם סופר** שרייבט אויף איינעם אין די תשובות, איז די טיטל וואס ער שרייבט אויף רבי אפרים זלמן מרגליות, אזוי שטארק האט ער געהאלטן אויף אים.

*

**שמה. הרה"ג רבי אפרים זלמן מרגליות זצ"ל** שאל את רבינו מה הוא דרך לימודו, והשיב לו רבינו כי רוב חידושי תורתו הנם להתייגע בעומקן של דברי רבותינו הראשונים זצ"ל, ולסלק מעליהם ההשגות והתמיהות אשר הקשו עליהם האחרונים. כי באמת רק לפום ריהטא נראים דבריהם לפעמים מוקשים, לאשר כתבו דבריהם בקיצור, וזה גרם לכמה מן האחרונים שלא ירדו לעומק כוונתם, ודחו דבריהם על סמך איזה קושיא ופליאה עליהם, אבל כשנעמיק הרבה בדבריהם ובדיוק לשונם הזהב, נווכח לדעת כי הכל גלוי לפניהם, ולא נעלם מהם דבר, וכל דבריהם דברי אלקים חיים.

על זה אמר לו הגאון רבי אפרים זלמן זצ"ל כי סוף סוף כמה פעמים השיגו עליהם האחרונים בהשגות עצומות אשר אין שום מקום ליישבם, ומי לנו בין גדולי הראשונים יותר מן **הרשב"א** ועם כל זה נמצא גם בין דבריו ענינים נפלאים שנשארו בלי פתרון. ולדוגמא תפס דברי הרשב"א בתשובותיו (ח"א סימן אלף רלז) בענין פלגינן דיבורא, אשר הגאון **בעל נודע ביהודא** בספרו (מהדו"ק חלק אבה"ע סימן עב) הוכיח לדעת לעיני כל, כי במחילת כבוד תורתו שגג שגגה גדולה, ונעלם ממנו גמרא מפורשת במסכת סנהדרין וכו'.

כאשר שמע רבינו זצ"ל את דברי הגאון רבי אפרים זלמן, עבר על פניו שחוק קל, ואמר אליו כי הנהו זוכר היטב דברי תשובת הנודע ביהודא שם, ואדרבה מזה הננו רואים עד כמה אנחנו צריכים להזהר מלהשיג על דברי הראשונים ז"ל, מבלי עיון ויגיעה גדולה בעומק הענין. כי הלא גם שם דברי הרשב"א ז"ל נכונים וישרים, ולהגאון נודע ביהודה נזדמן טעות גדול בהבנה הפשוטה של דברי הרשב"א, ונתהפך לו ההוה אמינא להמסקנא. וכשמוע הגאון רבי אפרים זלמן את דברי רבינו זצ"ל הפשוטים והישרים, נבהל למשמע אזניו, ופניו הלבינו איזה זמן מרוב התרגשות וכו'.

אחר כך אמר לרבינו זצ"ל הלא עוד יותר יש להתפלא, על אשר נעלם דבר פשוט כזה, מהגאון העצום בעל נודע ביהודא וכו', ואיך היה יכול להיות שיוכשל בטעות כזה. והשיב לו רבינו, כי גם בעינו יפלא על גאון כמותו שיטעה בדבר פשוט כזה, אבל ברור אצלו שבא לו זה, לאשר שם בנודע ביהודה באותה התשובה, לא נזהר כראוי בכבודו של הרשב"א, לכן נענש בשגיאה גדולה כזו וכו' (עיין **בחידושי הרי"ם** על חושן משפט סימן לד אות כו).

**והוסיף רבינו:** מען דארף וויסן, וואס עס איז טייטש ראשונים כמלאכים (שבת קיב:). א סברא פונעם **רשב"א**, וויפיל אונז זאל מיר עס נישט פארשטיין, איז נאך אלץ דער רשב"א גערעכט. און אפילו מען פרעגט קשיות אויף אים, קומט א גרעסערער גדול, און ער קען פארענטפערן וואס א אנדערער פארשטייט נישט. מען זעהט אסאך מאל א צריך עיון אינעם **רבי עקיבא איגר**, און מען מאכט עס אוועק מיט א קלייניגקייט, מען קען ענטפערן אזוי און אזוי. פארן רבי עקיבא איגר איז אויך איינגעפאלן די אלע תירוצים וואס מען זאגט, און פון דעסטוועגן דאך איז געבליבן ביי אים א צריך עיון.